ביי אונדז האט זיך איינגעפירט א מאדע אז מען טאר נישט טראכטן וועגן דער צוקונפט פון דערייִדישער ליטעראטור. אדער מען מוז זיך טרייסטן מיט באשעוויסן, גלאטשטיינען, סוצקעווערן, ראוויטשן און נאך עטלעכע, פארמאכן די אויגן וועגן זייער עלטער און זיך איינעקשנען אז מיר האבן נאך אלץ מער אויסגעצייכנטע בעלעטריסטיקער ווי וועלכע ס'נישט איז קליין פאלק; אדער מען מוז זיך גוט אריינוויינען אין דראעגנדיקן מצב און יאושדיק באקלאגן א פארגאנגענע פראכט, וואס "געווען איז נאר איינע". עס זענען אפילו פאראן אזעלכע וואס טרייסטן זיך דערמיט וואס יידיש האט דערגרייכט ביז צו די אקאדעמישע הויכע פענטער, ווי אויך אזעלכע וואס זעען אין אט דעם אונטער-געפירטן כבוד א זיכערן סימן פון דער אויסהויכונג פון דער שפּראכיקער נשמה. אלע זענען זיי צו ביסלעך גערעכט, און אלע הייבן זיי נישט אן זיך אריינצו-קוקן אין ענין צוקונפט (נישט קיום, נאר צוקונפט) ווי עס וואלטן עס באדארפט טאן די וואס האבן יידיש צום הארצן (און צום מוח אויך - מען האט שוין איבער-געפירט ביז עסיק דעם ענין מאמע לשון).

לאמיר רעדן קלארע דיבורים. וואס ס'זאל נישט געשען, וועט יידיש ווי א שפּראך נישט אונטערגיין, אפילו אוים נאר צוליב אקאדעמישע אינטערעסן; ד.ה., עס וועלן זיין גענוג גראדויר סטודענטן און קריטיקער וואס וועלן זוכן נייע טעמעס, און ביי אונדז אין דער ליטעראטור איז דא וואס צו געפינען און ווייניק וואס מיט וועלכע מיר דארפן זיך שעמען פאר די 'סטיקראטן' פון דער וועלט קולטור. אמת, עס זענען אויך פאראן מעגלעכקייטן אז יידיש וועט ווידער אויפלעבן אין ישראל און וועט לעבן בלייבן אין עטלעכע מיילער אין אמעריקע, אבער אין די אוניווערסיטעטן זענען מיר, אויף וויפל ס'איז ווערט, פארזיכערט. צום באדויערן, קען מען פון אזא מין 'לעבן' קיין ברייטע אלץ-ארומנעמענדיקע ליטעראטור נישט ציען איר יניקה. זי וועט אויסגיין פאר הונגער: מוזן מיר זיך דערמוחן אויסצוגעפינען, אויסצונישטערן פון דער געשיכטע פון דער אלגעמיינער ליטעראטור, וואס פארא מוסטערן וועלן זיך קענען האדעווען, אפילו ביי אזא ארעמען טיש.

איידער מיר לאזן זיך צו צו דער עבודה (און עס וועלן זיך לאזן הערן באשולדיקונגען אז עס איז אן עבודה זרה) מוזן מיר לאזן וויסן אז אוודאי וואלט אונדז לחבער געווען ווען עס וואלט מעגלעך געווען צו קעמפן פאר א רענעסאנס פון דער גערעדטער לשון און אזוי ארום פארן קיום פון אן אנ-גייענדיקער ליטעראטור. דאס טוען מיר אויך, אבער די ליבהאבער און פארערער פון דער שפּראך מוזן זיך אליין פארזיכערן קעגן די ערגסטע אומשטענדן. מיינע רייד פארנעמען זיך טאקע מיט אזעלכע אומשטענדן.

# ANTI-WAR WORK AT M.I.T.

## MEETING ON MONDAY, NOV. 20, AT 7:30 (p.m.?)

## BUSH ROOM

In order to maintain the momentum generated by the Dow sit-in an ad-hoc committee of students, faculty and members of the M.I.T. community in general has been formed. Come to the meeting on Monday to discuss and decide the directions our action should take. Proposals have been submitted and resolved into specific areas of discussion. Aims, methods and mechanisms shall be considered; e.g.

1) What should our immediate aims be?

2) Do we focus on the war through work against M.I.T. complicity in it?

3) How do we get discussion of the war going in the living groups? Is a petition a good mechanism?

LET US PUT AN END TO THIS WAR.

Distributed for the ad-hoc committee by MIT-SDS